בסייעתא דשמיא

אידיש

# זרע שמשון

געקליבענע געדאנקען און טרעפליכע פערל ווערטער אויף די וועכענטליכע פרשה.
צוזאמענגענומען פון די ספרים פון דער גרויסער צדיק
און גאון רבינו שמשון חיים ב"ר נחמן מיכאל נחמני זלה"ה.
וועלכע האט צוגעזאגט פאר די אלע וואס לערנען זיינע ספרים און תורות, וועלן זוכה זיין
צו זעהן ישועות און נפלאות אין אלע הינזיכטן - 'בני חיי ומזוני'.




מקץ תשפ"ד •זרע שמשון - א לימוד וואס איז משפיע ישועות• גליון 342

## אמרות שמשון

### די טובה פון די מאמע רחל צו איר שוועסטער לאה

**הֵם יָצְאוּ אֶת הָעִיר לֹא הִרְחִיקוּ וְיוֹסֵף אָמַר לַאֲשֶׁר עַל בֵּיתוֹ קוּם רְדֹף אַחֲרֵי הָאֲנָשִׁים וְהִשַּׂגְתָּם וְאָמַרְתָּ אֲלֵהֶם לָמָּה שִׁלַּמְתֶּם רָעָה תַּחַת טוֹבָה** (מד, ד), בפשטות לערנט מען אז יוסף האט גע'טענה'ט פארוואס האט מען צוריק באצאלט שלעכט'ס (מיטן גנב'ענען די בעכער), אנשטאט גוט'ס (די עסן וואס ער האט זיי געגעבן אין מצרים).

**מען** קען צולייגן אז יוסף הצדיק איז דא מרמז אויף דעם וואס זיי האבן אים פיינט געהאט צוליב זיין כתנת פסים, און זיי האבן אים פארקויפט אלס קנעכט, דערמיט האבן זיי באצאלט שלעכט'ס אנשטאט די גוט'ס וואס זיין מאמע 'רחל' האט געטון צו זייער מאמע 'לאה', וואס זי האט איר אויסגעזאגט די סימנים, כדי זי זאל נישט ווערן פארשעמט, און זאל קענען חתונה האבן מיט יעקב אבינו. (זרע שמשון פרשתנו אות י"ז)

### ענק וואלטן נישט געדארפט גורם זיין אזא גרויסע צער

**וַיֹּאמֶר לָהֶם יוֹסֵף מָה הַמַּעֲשֶׂה הַזֶּה אֲשֶׁר עֲשִׂיתֶם הֲלוֹא יְדַעְתֶּם כִּי נַחֵשׁ יְנַחֵשׁ אִישׁ אֲשֶׁר כָּמֹנִי** (מד, טו), לכאורה דארף מען פארשטיין פארוואס לייגט יוסף צו די ווערטער 'איש אשר כמני'? עס וואלט געווען גענוג אויב עס שטייט 'כי נחש ינחש אני בו'.

**מען** קען ערקלערן אז יוסף הצדיק טוט מרמז זיין און פאראהאלטן די ברודער פארוואס זיי האבן אים פארקויפט און דערמיט גורם געווען גרויס צער פאר יעקב אבינו. ער זאגט זיי **מָה הַמַּעֲשֶׂה הַזֶּה אֲשֶׁר עֲשִׂיתֶם?** וואס איז דאס אז ענק האבן מיר פארקויפט פאר א קנעכט, אפילו אויב עס וואלט געווען סיי וועלכע קינד פון יעקב אבינו וואלט עס אים זייער שטארק וויי געטון, אבער קל וחומר **אִישׁ אֲשֶׁר כָּמֹנִי** דאס וואס ענק האבן מיר פארקויפט האט גורם געווען פיל א גרעסערע צער פארן טאט'ן, ווייל די אלע יארן וואס ער האט געארבעט ביי לבן איז בלויז געווען כדי צו קענען חתונה האבן מיט מיין מאמע רחל, און געווארט אז איך זאל געבוירן ווערן. [אזוי ווי עס שטייט אין פסוק איינמאל יוסף איז געבוירן געווארן האט יעקב אבינו געזאגט (ל, כה) **וַיְהִי כַּאֲשֶׁר יָלְדָה רָחֵל אֶת יוֹסֵף וַיֹּאמֶר יַעֲקֹב אֶל לָבָן שַׁלְּחֵנִי וְאֵלְכָה אֶל מְקוֹמִי וּלְאַרְצִי**, ועיי"ש ברש"י]. און איך בין געווען זיין באליבטן קינד מער פון אנדערע קינדער, און ענק וואלטן נישט געדארפט גורם זיין אזא גרויסע צער פארן טאט'ן יעקב. (זרע שמשון פרשתנו אות י"ז)

### יעדער איינער דארף אריבערגיין שעבוד מצרים

**וַיֹּאמֶר יְהוּדָה וגו' הִנֶּנּוּ עֲבָדִים לַאדֹנִי גַּם אֲנַחְנוּ גַּם אֲשֶׁר נִמְצָא הַגָּבִיעַ בְּיָדוֹ** (מד, טז), לכאורה דארף מען פארשטיין פשט אינעם דאפעלטן לשון, צוערשט שטייט 'הננו עבדים' דערנאך זאגט ער נאכאמאל 'גם אנחנו גם אשר נמצא הגביע בידו'. אזוי אויך פארוואס זאגט ער צוויי מאל דאס ווארט 'גם' ('גם' אנחנו 'גם' אשר נמצא הגביע בידו, עס וואלט געקענט בלויז שטיין 'הננו עבדים אנחנו ואשר נמצא הגביע בידו') וואס קומט עס צו מרבה זיין?

**מען** קען זאגן, אז יהודה האט געוואלט מרמז זיין אין זיינע ווערטער, אז עס פאנגט זיך יעצט אן די גלות מצרים, וואס דער אויבערשטער האט געזאגט פאר אברהם אבינו ביי ברית בין הבתרים, און יעדער איינער וועט דאס מוזן אריבערגיין. דעריבער זאגט ער **הִנֶּנּוּ עֲבָדִים לַאדֹנִי** אונז זענען גרייט צו מקבל זיין אויף זיך די גלות און שעבוד מצרים, און ער לייגט צו **גַּם אֲנַחְנוּ**, דערמיט האט ער אריינגערעכנט יוסף, אז ער דארף אויך אריבערגיין די שעבוד, און איז נישט אנדערש פון זיי, **גַּם אֲשֶׁר נִמְצָא הַגָּבִיעַ בְּיָדוֹ** וואס דאס איז בנימין, טראץ וואס ער איז נישט געווען קיין טייל פון די מכירת יוסף, דארף ער אויך זיין אין גלות. אזוי אויך קומט דאס ווארט 'גם' (גם לרבות), צו מרבה זיין יעקב אבינו צוזאמען מיט בנימין, אז יעקב אבינו וועט אויך דארפן אריבערגיין די שעבוד, אזוי ווי עס שטייט אין חז"ל (שבת פט:), אויב וואלט יעקב אבינו נישט אראפגעקומען קיין מצרים צו זען יוסף, וואלט מען אים געברענגט מיט אייזערנע קייטן. (זרע שמשון פרשתנו אות י')




לומדים זרע שמשון



תורמים ורואים ישועות
אל תחמיצו!

02-80-80-500
347-496-5657
https://www.zerashimshon.co.il/donation

הספר שמחולל פלאות.
אלפים נושעו בהבטחתו.

•הוצאת הגליון והפצתו לזכות•

| לזש"ק | לרפואה שלימה | לרפואה שלימה | לברכה ולהצלחה | לברכה ולהצלחה | לברכה ולהצלחה | לברכה ולהצלחה |
|---|---|---|---|---|---|---|
| רפאל בן סופיה<br>זוג' נטלי בת אליסיה<br>שיזכו בקרוב להיפקד בזש"ק | ניסים בן שרה<br>לרפואה שלימה ובריאות איתנה | רבקה בת שיינדל<br>לרפואה שלימה ובריאות איתנה | אליאס בן אסתריה<br>זוג' סופיה בת אסתר<br>שיזכו להצלחה גדולה וברכה בכל העניינים בלי הפרעות ועיכובים | ברוך צבי ניסים<br>בן שושנה לאה<br>לעשירות גדולה והצלחה בכל העניינים | דניאל אודי<br>בן דג'נה מלכה<br>שיזכה לברכה והצלחה ולהשלמת העסקאות בקרוב ממש | צבי יצחק דוב בן גיטל חיה<br>זוג' מרים סאבל בת אסתר<br>ובניהם שמעון יחזקאל, ישעיה, יואל אלעזר<br>שיזכו לסייעתא דשמיא ולהצלחה בכל הענינים |

תרומות למען הפצת תורת זרע שמשון 02-80-80-500 * 347-496-5657 אלפים נושעו בהבטחת הרה"ק זרע שמשון

# גבורת שמשון
## סיפורי ישועה

עס פארציילט הר"ר **שאול סקאל** הי"ו:

## אינעם לאַבּי פונעם האָטעל אין שפאניע

**דעם** פארלאפענעם יאר איז מיר אויסגעקומען צוליב פארשידענע סיבות צו ווילן יו"ט חנוכה אין שפאניע, איך בין איינגעשטאנען דארט אין א האָטעל, וואו עס האבן אויך געוויילט דארט נאך א גרופע אידן.

**זייענדיג** איינער וואס לערנט אסאך זרע שמשון און איז זוכה איבערצוגעבן שיעורים ברבים אינעם הייליגן ספר, האב איך מיטגענומען מיט מיר דער ספר, און געלערנט די הייליגע תורות אין יעדע געלעגנהייט וואס האט זיך געמאכט.

**עס** איז געווען איין נאכט חנוכה, איך האב שוין געענדיגט אלעס צו ערלעדיגן פאר יענעם טאג, האב איך באשלאסן אראפצוגיין אונטן אינעם לאַבּי (פארצימער) פונעם האָטעל, מיטן ספר זרע שמשון, וועלנדיג טרעפן נאך אידן וואס איך וואלט זיי געקענט מזכה זיין, זיי זאלן אויך לערנען דעם הייליגן ספר זרע שמשון.

**אויפן** וועג אראפ, האב איך געקלערט צו מיר: "ס'איז אפשר א שיינע חלום, אבער וואו וועל איך קענען יעצט טרעפן עמיצער וואס זאל וועלן לערנען מיט מיר זרע שמשון, עס איז ריכטיג אז עס געפינען זיך אידן דא אינעם האטעל, אבער איך קען זיי נישט פערזענליך, און פארוואס זאלן זיי זיין גרייט זיך צו צוזעצן און הערן מיין שיעור?"

**אבער** איך האב מחליט געווען ביי מיר, אז עס שאדט נישט צו פרובירן, העכסטנס וועל איך לערנען אליינ'ס, עס איז נישטא וואס צו פארלירן.

**אנקומענדיג** אונטן, בין איך גלייך צוגעגאנגען צו עטליכע אידן וואס זענען געזיצן געמוטליך און פארברענגט, איך האב זיי פארגעשלאגן צו לערנען אביסל דער ספר זרע שמשון.

**אין** די געלעגנהייט - נאכדעם וואס זיי האבן אנגעהויבן צו שמועסן מיט מיר - האבן זיי מיר געפרעגט אז זיי האבן טאקע באמערקט אז איך דריי זיך שטענדיג מיט דעם ספר, און זיי זענען געווען זייער אינטערעסירט צו הערן מער איבערדעם.

**איך** האב זיי פארציילט איבער דער מחבר און זיין אויסטערלישע הבטחה וואס ער האט צוגעזאגט פאר דער וואס וועט לערנען זיין ספר, איך האב זיי צוגעלייגט אז עס איז א ספר וואס איז מסוגל פאר כל מיני ישועות, און דערביי האב איך פארציילט אפאר ישועות וואס איך האב מיטגעהאלטן פון אידן וואס זענען געהאלפן געווארן בזכות'ן לערנען דעם ספר.

**הערנדיג** מיינע ווערטער, זענען זיי געווארן זייער אנגעווארמט, און נאך עטליכע מינוט, האב איך זיך געטראפן אינמיטן געבן א שיעור אין זרע שמשון, און מסביר זיין דער הערליכער מהלך פונעם הייליגן זרע שמשון אין דער נס חנוכה, ווען דערווייל זענען נאך און נאך אידן געקומען זיך צוזעצן צום שיעור, ביז די גאנצע לאַבּי איז שטיל געווארן, און יעדער איז געקומען הערן דעם שיעור.

**נאכן** ענדיגן, האבן זיי מיר געפרעגט ווי לאנג איך בלייב נאך דאָהי, וועלנדיג - אויב ס'איז מעגליך - אז זאל פארקומען נאך שיעורים במשך די קומענדיגע טעג. זיי האבן גענומען מיין טעלעפאן נאמבער און זיך שטארק באדאנקט.

**איך** בין צוריק ארויף אויבן צו מיין צימער, זייענדיג זייער באגייסטערט און מלא התפעלות, ווי דער אויבערשטער האט מיר געגעבן די זכי' צו קענען מזכה זיין נאך אידן מיטן לערנען דער הייליגער ספר, אסאך גרעסער ווי איך האב זיך בכלל געראכטן.

**עטליכע** טעג שפעטער רופט מיר א איד, און ער פארציילט מיר אז ער איז געווען איינע פון די משתתפים יענע נאכט ביים שיעור, און ער וויל מיר פארציילן אז דעמאלטס ווען איך האב געזאגט אז דער ספר איז מסוגל פאר ישועות, האב איך אויך צוגעלייגט אז אסאך אידן זענען געהאלפן געווארן מיט זיווגים. הערנדיג די ווערטער האב ער גלייך געבעטן דער אויבערשטער אז די לערנען זאל זיין לזכות זיין זון וואס געפינט זיך שוין א זייער א לאנגע צייט אין שידוכים, אבער איז נישט געווען מסוגל צו שליסן א שידוך, און די גאנצע משפחה האט געהאט דערפון גרויס צער און עגמת נפש.

**זאגט** דער איד: יעצט וויל איך דיר דערציילן די גוטע נייעס, אז פון יענע נאכט האבן זיך זאכן אנגעהויבן צו רוקן פאראויס, און היינט גייט מען שליסן די שידוך אין א מזל'דיגע שעה.

**הרב** סקאל פארענדיגט זיין געשיכטע און זאגט: עס איז מיר געווען א באזונדערע התרגשות צו מיטלעבן אזא דערהויבענע איבערלעבעניש, צו זוכה זיין אויפצושיינען א הייליגע לעכטיגקייט ערגעצוואו אין א האטעל אין שפאניע, און אריינגעשיינט דאס געטליכע שיין פונעם הייליגן זרע שמשון, און דערמיט זוכה געווען צו זיין דער גוטער שליח צו משפיע זיין און אראפברענגען א ישועה פאר נאך א איד, זי"ע.

**לפרסום ישועתכם בזכות לימוד המסוגל הזרע שמשון לזיכוי הרבים:**

ניתן לשלוח את סיפור הישועה: למייל: zera277@gmail.com או להתקשר 05832-80300

או בהשארת הודעה בטל: 02-80-80-600 שלוחה 7


**ארויסגעגעבן דורך 'האיגוד העולמי להפצת תורת רבינו הזרע שמשון'.**

צו באקומען דעם גליון וועכענטליך, פאר באמערקונגען, אדער איבערצוגעבן פערזענליכע סיפורים, קען מען זיך ווענדן צו: zera277@gmail.com

אדער קענט איר זיך פארבינדען צו דאס פאלגענדע: **ארץ ישראל** הרב ישראל זילברברג: 052-716-6450 www.zerashimshon.com

**אמעריקע** הרב מנחם בנימין פאשקעס: 347-496-5657 Zera Shimshon C/O B Paskesz 1645 48 St. Brooklyn NY 11204 mbpaskesz@gmail.com

צו באקומען די ספר 'זרע שמשון' קען מען זיך פארבינדן
ארץ ישראל: 05271-66-450
בארה"ב: 347-496-5657

אזוי אויך קענט איר אטייל נעמען אין די הוצאות, צו מנדב זיין לזכות אדער לע"נ און גלייכצייטיג זוכה זיין צו די זעלטענע ברכה פון דער הייליגער 'זרע שמשון'

ניתן להפקיד בבנק מרכנתיל (17) סניף 635 מ.ח. 71713028 ע"ש זרע שמשון כמו"כ ניתן לתרום בכרטיס אשראי

וזכות הצדיק ודברי תורותו הקדושים יגן מכל צרה וצוקה, וישפע על הלומדים ועל המסייעים בני חיי ומזוני וכל טוב סלה כהבטחתו בהקדמת ספריו

זרע שמשון ע"ר 580624120